בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# טוּה אִיךְ גוּט?!

וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶּער, וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת וְוִיאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

פָארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַּׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"ש זי"ע

## פַּרְשַׁת חֻקַּת תשע"ב

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש

**וויליאמסבורג**

**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש

**בארא פארק**

**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש

**קרית יואל**

**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש

**קרית יואל**

**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש

**בלומינגראוו**

**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש

**מאנסי**

**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש

**ירושלים**

**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש

**בני ברק**

**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**

נדפס ע"י

## קרן הדפסה
## היכל הקודש

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

# טוּה אִיךְ גוּט ? !

### א.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן י"ב): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט מִיטְן אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל אוּן חָכְמָה, קֶען עֶר אַרַיין פַאלְן אִין גְרוֹיסֶע טָעוּתִים, אוּן קֶען קוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע שְׁלֶעכְטְס, אוּן עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע אוּן בַּאקַאנְטֶע רְשָׁעִים, וָואס הָאבְּן זֵייעֶר פַארְדָארְבֶּען, אוּן זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶענַארְט דִי וֶועלְט, אוּן אַלֶעס הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען פוּן זֵייעֶרֶע חָכְמוֹת, אַז זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מִיטְן אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל אוּן אַזוֹי אַרוּם פַארְפִירְט דִי וֶועלְט.

דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר״ן סימן ו׳): דער יצר הרע איז צוגעגליכן, צו איינעם וואס גייט מיט א פארמאכטע האנט, און אלע לויפן אים נאך, און מיינען אז ער האט עפעס א סוד, נאכדעם גיט ער א מאך אויף די האנט, און מען איבערצייגט זיך אז ער האט גארנישט. און דאס איז בעיקר געזאגט געווארן אז א מענטש לויפט נאך, נאך איינעם, וואכן, חדשים, און יארן, און ער מיינט אז ער איז א באהאלטענע צדיק וכו׳, און ער וועט פון אים עפעס האבן, און צום סוף עפענט ער אויף די האנט, און עס איז גארנישט דא דארט. ער האט פון אים גארנישט באקומען, און ער האט מיר גוט אפגענארט.

דער מדרש זאגט (קהלת רבה פרשה ה, פסוק י״ד): ווען א קינד ווערט געבוירן זענען זיינע הענטעלעך פארמאכט! ווידער ביי א נפטר זענען די הענט אפען, און מען קען דאס נישט פארמאכן, איז דאס דער מדרש מסביר, ווייל ווען א קינד ווערט געבוירן, וויל ער איינעמען די גאנצע וועלט און טראכט אז די גאנצע וועלט איז זיינס, אבער ווען ער גייט ארויס פון

דֶער וֶועלְט, זֶעהְט עֶר שׁוֹין אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אִין דִי הֶענְט.

וֶועגְן דֶעם דַארְף זִיךְ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ מִשְׁפָּטְ'ן, וָואס דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת' וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א סִימָן ב, וְסִימָן ט"ו) זִיךְ צוּ מִשְׁפָּטְ'ן 'וָואס הָאבּ אִיךְ אִין דִי הַאנְט', וַוייל סְתַּם פוּן הַבְטָחוֹת קוּמְט גָארְנִישְׁט אַרוֹיס.

אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן גְלַייךְ בַּיים אָנְפַאנְג וֶוען עֶר גֵייט אוֹיף אַ פְּלַאץ, וָואס הָאבּ אִיךְ פוּן דָארְטְן?! אוּן עֶר זֶעהְט אַז גָארְנִישְׁט!! דַארְף עֶר דָאךְ פַארְשְׁטֵיין אַז עֶס אִיז אַ שָׁאד דִי צַייט סְתַּם אַהִינְצוּגֵיין, אָבֶער אוֹיבּ עֶר זֶעהְט, עֶר אִיז יָא מַצְלִיחַ אוּן עֶר אִיז גְלַייךְ קוֹנֶה עֶפֶּעס, זָאל עֶר זִיךְ הַאלְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק, אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען נֶעמֶען יֶעדֶעס מָאל מֶער אוּן מֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ"א); דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר 'אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן דִי וֶועלְט נַארְט עֶנְק'. רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה

פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן דֶעם פָּסוּק (אִיוֹב ג, י"ט): 'קָטָן וְגָדוֹל שָׁם הוּא'. וֶוער עֶס אִיז גְרוֹיס אוּן וֶוער עֶס אִיז קְלֵיין דָאס וֵוייסְט מֶען נָאר דָארְטְן. אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט ווִיסְן וֶוער עֶס אִיז גְרוֹיס. חֲזַ"ל זָאגְן (פְּסָחִים נד:); 'אֵין אָדָם יוֹדֵעַ מַה בְּלִבּוֹ שֶׁל חֲבֵרוֹ'. אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס עֶס אִיז פַארְהוֹילְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אִיז אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וֶוער יֶענֶער אִיז,

הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק (בֶּנְדֶער) זַצַ"ל הָאט מִיר פַארְצֵיילְט: עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ פָארְן מִיטְן בַּאן, וַוייל מֶען הָאט אִים אַלְץ גֶעזוּכְט אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט פָארְן פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם אַנְדֶערְן, הָאט עֶר אַלְץ גֶעהַאט מִיט זִיךְ אַ מִשְׁנַיוֹת, אוּן גֶעזָאגְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, בִּיז עֶר הָאט גֶעקֶענְט אוֹיסֶעוֵוייניג שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה. הָאט זִיךְ אֵיינְמָאל צוּגֶעזֶעצְט לֶעבְּן אִים אַ רָב, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי רִיכְטִיגֶע מִתְנַגְדִים אוֹיף בְּרֶסְלֶב, אוּן וִויבַּאלְד עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַ יוּנְגֶערְמַאן לֶערְנְט אַזוֹיפִיל מִשְׁנַיוֹת, פְרֶעגְט עֶר אִים וואוּ וואוֹינְט אִיר? זָאגְט עֶר; אִין אוּמַאן! נֶעמְט זִיךְ דֶער רָב חוֹזֶק מַאכְן, 'אִיר זֶענְט פוּן דִי אוּמַאנֶער חֲסִידִים'?! אִיךְ קֶען אַייךְ, אִיךְ קֶען

אַייך, און זָאגְט כָּל דָבָר אָסוּר, און יֶעדֶע פָּאר וֶוערְטֶער זָאגְט עֶר 'אִיךְ קֶען עֶנְק', און אַזוֹי ווִי רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק זַ"ל זֶעהְט אַז עֶר וֶוערְט נִישְׁט פָּטוּר פוּן אִים, זָאגְט עֶר אִים; 'אִיךְ זֶעה אִיר זָאגְט אַ גַאנְצְן צַייט אִיךְ קֶען עֶנְק, זָאגְט נָאר; 'זִיךְ' קֶענְט אִיר?!', אַז עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר שׁוֹין שְׁטֵיין גֶעבְּלִיבְּן.

און עֶס לִיגְט אִין דֶעם עֶנְטְפֶער אַ טִיפְן דֶערְהֶער, וַוייל מֶען זֶעהְט אַמָאל אַ מֶענְטְשׁ גִיסְט פֶּעךְ און שְׁוֶועבְל אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, און עֶר טְרַאכְט נִישְׁט אַרַיין, צוּ 'זִיךְ אַלֵיין' קֶען עֶר שׁוֹין? און אַוַודַאי נִישְׁט אַן אַנְדֶערְן.

וֶוען מֶען הָאט גֶעדְרִיקְט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל דֶעם פֵּירוּשׁ מַהֲרַ"ם שִׁיף אִין דִי צַייטְן פוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: 'אִיךְ קֶען זָאגְן פְּשַׁט אִין דֶעם שְׁוֶוערְסְטְן מַהֲרַ"ם שִׁיף, אָבֶער אִין אַ אִיד קֶען אִיךְ נִישְׁט זָאגְן קַיין פְּשַׁט! וַוייל עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים נא, י"ט): 'לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה אֱלֹהִים לֹא תִבְזֶה', און וֶוער קֶען ווִיסְן וֶוער עֶס אִיז דֶער אֶמֶתְ'ר לֵב נִשְׁבָּר. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּבְרָאכְן, וַוייל עֶר הָאט נֶעבֶעךְ אִין שְׁטוּב

צָרוֹת, און עֶר הָאט נִשְׁט קַיין פַּרְנָסָה וְכוּ׳, און עֶר לָאזְט אַפָּאר טְרֶערְן און עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם בַּאשֶׁעפֶער, דָאס עֶפְּנְט אוֹיף אַלֶע הִימְלֶען, און וֶוער קֶען דָאס וִויסְן.?!

עֶס שְׁטֵייט (זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה קכב:): **׳מַאן דִזְעֵיר הוּא רַב וּמַאן דְרַב הוּא זְעֵיר׳.** וֶוער עֶס אִיז קְלֵיין אִיז גְרוֹיס און וֶוער עֶס אִיז גְרוֹיס אִיז קְלֵיין. דָא קֶען זַיין אֵיינֶער וָואס מֶען רַעשְׁ׳ט זִיךְ מִיט אִים, אָבֶער אוֹיבְן אִין הִימְל וֵוייסְט מֶען גָארְנִישְׁט וֶוער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז. און פַארְקֶערְט אוֹיךְ, עֶס קֶען זַיין אַ מֶענְטְשׁ וָואס דָא קֶען מֶען אִים נִשְׁט, אָדֶער מֶען מַאכְט גָאר חוֹזֶק פוּן אִים, אָבֶער אִין הִימְל אִיז עֶר זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס.

דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים זַ״ל הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אַז דֶער עִיקָר חֲשִׁיבוּת אִיז תּוֹרָה, [וַוייל דָאס אִיז דִי חָכְמָה פוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אַז אַ מֶענְטְשׁ וִויל זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאס נָאר דוּרְךְ דִי תּוֹרָה], הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אוֹיף אַ מַאפֶּע זֶעהְט מֶען, בַּיי דִי גָאר גְרוֹיסֶע שְׁטֶעט אַ גְרוֹיסֶע רִינְגְל,

בַּיי קְלֶענֶערֶע שְׁטֶעט אַ קְלֶענֶערֶע רִינְגְל, בַּיי שְׁטֶעטֶעלִיךְ און דֶערְפֶעלִיךְ זֶעהְט מֶען נָאר פִּינְטֶעלֶעךְ, בַּיי אַ גָאר קְלֵיינֶעם שְׁטֶעטְל זֶעהְט מֶען גָארְנִישְׁט אוֹיף דִי מַאפֶּע, וֶועגְן דֶעם 'רַאדִין' [וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער שְׁטֶעטְל וואו דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים הָאט גֶעוואוֹינְט און גֶעהַאט דִי יְשִׁיבָה] זֶעהְט מֶען נִישְׁט אוֹיף דִי מַאפֶּע, אָבֶער אוֹיף דִי מַאפֶּע אוֹיבְן אִין הִימְל זֶעהְט מֶען פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, דִי גְרוֹיסֶע שְׁטֶעט וָואס עֶס אִיז נִישְׁט דָארְטְן גֶעוֶוען קַיין יְשִׁיבוֹת, קַיין שׁוּהְלְן, קַיין מִקְוָואוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הוֹיפְּט שְׁטָאט פֶּעטֶערְבּוּרְג, אִיז אֲפִילוּ נִישְׁטָא אוֹיף דִי מַאפֶּע, אָבֶער וָואסְפַארַא שְׁטֶעטְל עֶס אִיז יָא דָא אַ יְשִׁיבָה, שׁוּהְלְן, מִקְוָואוֹת, אַ קִיבּוּץ פוּן אִידְן, און וָואס מֶער תּוֹרָה עֶס אִיז דָא דָארְט, אִיז אִין דִי מַאפֶּע פוּן הִימְל דָא אַ גְרֶעסֶערֶער רִינְגְל. וַוייל אִין הִימְל וֶוערְט גֶעמָאסְטְן אַ שְׁטָאט, אָדֶער אַ דֶערְפְל, לוֹיט וִויפִיל תּוֹרָה מֶען הָאט דָארְטְן גֶעלֶערְנְט. וֶועגְן דֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְן, זִיךְ נִישְׁט צוּ לָאזְן נַארְן.

זָאגְט אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן י"ב); אַז אַ מֶענְטְשׁ גֵייט נָאך דֶעם אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל קֶען עֶר קוּמֶען צוּ מוֹרָא'דִיגֶע טָעוּתִים אוּן עֶר קֶען פַארְקְרִימְט וֶוערְן, אוּן נָאך פַארְקְרוּמֶען אַנְדֶערֶע אוֹיך, אַזוֹי וִוי דִי מְפוּרְסָמִים וָואס זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶענַארְט דִי וֶועלְט. אוּן וָואס אִיז דִי עֵצָה? צוּ גֵיין מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת, אוּן בַּיי יֶעדֶע זַאך זָאל עֶר קוּקְן, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָארְטְן, זָאל עֶר עֶס טוּהְן, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זַיין כָּבוֹד. אוּן אוֹיבּ דִי אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט דָארְטְן, דֶעמָאלְטְס זָאל עֶר עֶס נִישְׁט טוּהְן. שְׁטֶעלְט זִיך אַ פְּרַאגֶע וִויאַזוֹי קֶען מֶען דָאס וִויסְן? מְמֵילָא צַדִיקִים וָואס הָאבְּן אֵייבִּיג גֶעזֶעהְן דִי שֵׁם 'הַוַיָ"ה' פַאר זֵייעֶרֶע אוֹיגְן, הָאבְּן דָאס גֶעקֶענְט וִויסְן, אָבֶער אוּנְז פָּשׁוּטֶע קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלִיך, וִויאַזוֹי וֵוייסְט מֶען צוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָארְט, צוּ נִישְׁט? נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט דִי תּוֹרָה אִיז אֵיין זַאך, אוּן וִוי עֶס אִיז דָא תּוֹרָה וֵוייסְט מֶען אַז דָארְטְן אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן וִוי עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין תּוֹרָה וֵוייסְט מֶען אַז עֶס אִיז פָּשׁוּט לִיגֶענְט, אוּן מֶען מַאכְט דִיר

צונַאר. אָפּגֶערֶעדְט אוֹיבּ מֶען רֶעדְט אַקֶעגְן דִי תּוֹרָה אִיז דָאס פָּשׁוּטֶע כּוֹפְרִים בְּעִיקָר, וַוייל אִידְן זֶענֶען אִידְן נָאר דוּרְךְ דִי תּוֹרָה, און אָן דִי תּוֹרָה זֶענֶען מִיר גָארְנִישְׁט.

דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת פּט.): פַארְוָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דִי בַּארְג וָואס מֶען הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר אִידְן, הַר 'סִינַי'? וַוייל פון דָארְט אִיז אַרָאפּ אַ 'שִׂנְאָה' אוֹיף דִי וֶועלְט, און אומוֹת הָעוֹלָם הָאבְּן פַּיינְט בַּאקוּמֶען אִידְן. וַוייל זֵיי שְׁפִּירְן זִיךְ 'גָארְנִישְׁט' קֶעגְן אַ אִיד; אַ אִיד הָאט אַ אַנְדֶערְן חֵן און אַ אַנְדֶערְן חֲשִׁיבוּת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן א); אַ אִיד וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה, און פִירְט זִיךְ לוֹיט דִי תּוֹרָה, הָאט אַ חֵן און אַ חֲשִׁיבוּת, נָאר יֶעצְט אִיז דֶער חֵן און חֲשִׁיבוּת אַרָאפְּגֶעפַאלְן, און עֶס אִיז בַּיי דִי גוֹיִם. וַוייל אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה, און מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט עַל פִּי הַתּוֹרָה, קוּקְט אוֹיס וִוי אַלֶעס פִירְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע, און וֶוער עֶס אִיז שְׁטֶערְקֶער, און קֶען בֶּעסֶער שְׁלָאגְן, דֶער גֶעוואונְט. און פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער גוֹי אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע רוֹצֵחַ און קֶען בֶּעסֶער שְׁלָאגְן,

װעגן דעם דאכט זיך אַז זיי זענען העכער און חשובער, אָבער אַז מען לערנט תּורה, באַקומט מען אַ מוראַ׳דיגער חן. קומט אויס אַז דאָרט ווי מען רעדט װעגן תּורה, איז דאָרטן דער באַשעפער.

ווידעראום זאָגט שלמה המלך (משלי ב, ו); **׳מפּיו דעת ותבונה׳**. פון דעם מויל פון אַ מענטש קען מען דערקענען דעם גאַנצן מענטש. דערפאַר אַז מען רעדט פון באַשעפער, ווייסט מען אַז דאָרטן איז דער באַשעפער. דער הייליגער רבי זאָגט (ספר המדות אות ניבול פה סימן א): **׳מי שמדבר ניבול פה בידוע שלבו חושב מחשבות און**. אַז אַ מענטש רעדט שמוץ איז אַ סימן אַז דאָס טראַכט ער. פאַרקערט אַז אַ מענטש רעדט נאָר פון באַשעפער, איז אַ סימן אַז זיין גאַנצער קאָפּ טראַכט נאָר פון באַשעפער. דאָס איז װאָס דער תּנא זאָגט (אבות פּרק ה, משנה כב): **׳לפום צערא אגרא׳**. לויט דעם מויל פון אַ מענטש קען מען זעהן זיין צער אָדער זיין שכר. רעדט ער נעבעך שמוץ איז דאָס אַליין זיין צער, אַזוי ווי דער פּסוק זאָגט (משלי כא, כ״ג); **׳שומר פּיו ולשונו שומר מצרות נפשו׳**. אַז אַ מענטש היט אָפּ

דֶעם דִיבּוּר, הִיט עֶר זִיךְ אָפּ פוּן אַסַאךְ צָרוֹת אִין לֶעבְּן. שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ זָאגְט: (קֹהֶלֶת ו, ז) ; 'כָּל עֲמָל אָדָם לְפִיהוּ'. אַלֶעס וָואס אַ מֶענְטְשׁ מוּטְשֶׁעט זִיךְ אִיז צוּ זַיין מוֹיל. לֵייגְט דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ צוּ (זוֹהַר שְׁמִינִי מב.) ; אֵיין וָוארְט 'בְּגִין' פִּיהוּ אַלֶעס קוּמְט וֶועגְן עֶר הִיט נִישְׁט דֶעם מוֹיל. קוּמְט אוֹיס אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ, וואוּ מֶען רֶעדְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן פוּן דִי מַעְלָה פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן מְקַיֵים זַיין דִי מִצְווֹת בְּשִׂמְחָה, אוּן וואוּ מֶען אִיז אִים מְחַזֵק אַז עֶר קֶען אוֹיךְ מַצְלִיחַ זַיין.

## ב.

חַזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא בְּרֵאשִׁית): **'עוֹנֶג שַׁבָּת כְּאֶלֶף תַּעֲנִיוֹת'**. דָאס וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט הַנָאָה אִין שַׁבָּת, אִיז אַזוֹי וִוי טוֹיזֶענְט תַּעֲנִיתִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י"ז): אַז מֶען דַארְף אַ גַאנְצְן שַׁבָּת זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ. אָבֶער שַׁבָּת אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייט צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אַלֶע קְרִיגֶערַייעֶן

פַּאסִירְן נָאר אִין שַׁבָּת, וַוייל דִי גְמָרָא זָאגְט (בָּבָא קַמָא לז.): בַּיי אַ אָקְס וָואס שְׁטוֹיסְט, אִיז דָא אַ 'תָּם' - וָואס הָאט נָאר גֶעשְׁטוֹיסְן צְוַויי מָאל - און אַ 'מוּעָד' - וָואס הָאט שׁוֹין גֶעשְׁטוֹיסְן דְרַיי מָאל-, זָאגְן דִי חַזַ"ל דָארְט, אַז עֶס אִיז דָא 'מוּעָד לְשַׁבָּתוֹת' עֶר הָאט שׁוֹין גֶעשְׁטוֹיסְן דְרַיי מָאל 'שַׁבָּת'. זָאגְט רַשִׁ"י: פוּן וואוּ נֶעמְט זִיךְ דָאס עֶר זָאל זַיין אַ מוּעָד לְשַׁבָּתוֹת, עֶר וֵוייסְט דֶען וֶוען עֶס אִיז שַׁבָּת? נָאר וַוייל מֶען טָאר נִישְׁט טוּעֶן אַ מְלָאכָה מִיט אַ בְּהֵמָה שַׁבָּת, און דֶער אָקְס אַרְבֶּעט נִישְׁט, און מֶען גֶעבְּט אִים צוּ עֶסְן, און עֶר אִיז גוּט אוֹיסְגֶערוּהְט, בְּמֵילָא שְׁטוֹיסְט עֶר. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ פַּאסִירְט אוֹיךְ בַּיי אַ מֶענְטְשׁ, אַ גַאנְצֶע וָואךְ אִיז עֶר פַּארְיָאגְט און פַּארְפְּלָאגְט, הָאט עֶר נִישְׁט קַיין צַייט צוּ גָארְנִישְׁט, אָבֶּער שַׁבָּת זִיצְט עֶר אִין שְׁטוּבּ און גֵייט לֵיידִיג, טְרֶעפְט עֶר אַלֶע חֶסְרוֹנוֹת, און פַּארְטְשֶׁעפֶּעט זִיךְ מִיט דִי וַוייבּ און אַזוֹי קוּמְט אַרוֹיס אַלֶע קְרִיגֶערַייעֶן.

דֶער חִידָ"א בְּרֶענְגְט, (מוֹרֶה בְּאֶצְבַּע סִימָן ד' אוֹת ק"מ); עֶרֶב שַׁבָּת זָאל מֶען זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן

מַחְלוֹקֶת, וַוייל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פְּרוּבִּירְט דֶעמָאלְטְס צוּ צוּבְּרֶעכְן אַלֶע שְׁטוּבֶּער, אוּן דָאס אִיז אַ גְמָרָא מְפוֹרֶשֶׁת, דִי גְמָרָא פַארְצֵיילְט (גִיטִין נב.): עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי שְׁכֵנִים וָואס פְלֶעגְן זִיךְ קְרִיגְן יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת, אִיז רֶבִּי מֵאִיר גֶעקוּמֶען, אוּן זִיךְ אַהִין אַרַיין גֶעזֶעצְט, הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעשֶׁעמְט אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקְרִיגְט, הָאבְּן זֵיי גֶעהֶערְט אַ קוֹל וָואס זָאגְט: "וֵויי אִיז פַאר מִיר, אַז רֶבִּי מֵאִיר הָאט מִיר פַארְיָאגְט פוּן דָא".

דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת י:): דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ **'מַתָּנָה טוֹבָה יֵשׁ לִי בְּבֵית גְּנָזַי וְשַׁבָּת שְׁמָהּ לֵךְ וְהוֹדִיעָם'**. שַׁבָּת אִיז אַ גוּטֶע מַתָּנָה, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר אִידְן פוּן זַיין שַׁאץ קַאמֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ז): **'אֲכִילַת שַׁבָּת כּוּלוֹ קוֹדֶשׁ כּוּלוֹ אֱלוֹקוּת'**. דִי עֶסְן פוּן שַׁבָּת אִיז אִינְגַאנְצֶען הֵיילִיג אוּן אֵיין שְׁטִיק גֶעטְלִיכְקֵייט, אוּן מִיטְן עֶסְן שַׁבָּת, אָדֶער מִיטְן הַנָּאָה הָאבְּן אִין שַׁבָּת פַארְשְׁפָּארְט מֶען זִיךְ טוֹיזְנְטֶער

תַּעֲנִיתִים, וָואס מֶען וָואלְט גֶעדַארְפְט פַאסְטְן אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה, לוֹיט וִוי דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ רֶעכְנְט אוֹיס, אוּן וֶוער קֶען דֶען פַאסְטְן אַזוֹיפִיל יָארְן, אוּן מִיט אֵיין ׳עוֹנֶג שַׁבָּת׳ הָאט עֶר שׁוֹין טוֹיזְנְט תַּעֲנִיתִים. חֲזַ״ל לֶערְנֶען אַרוֹיס (שַׁבָּת קי״ז:): פוּן דֶעם פָּסוּק (שְׁמוֹת טז׳ כ״ה): ׳אִכְלוּהוּ הַיּוֹם כִּי שַׁבָּת הַיּוֹם׳ וְכוּ׳ אַז שַׁבָּת מוּז מֶען עֶסְן דְרֵיי סְעוּדוֹת. אוּן דִי חֲזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת קיח.): אַז וֶוער עֶס עֶסְט דִי דְרֵיי סְעוּדוֹת וֶוערְט נִיצוֹל פוּן גוֹג וּמָגוֹג אוּן פוּן אַלֶע צָרוֹת. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שְׁמוֹת פח.); אַ מֶענְטְשׁ וָואס פַארְפֶעלְט אֵיין סְעוּדָה אִיז דָאס אַ פְּגַם אִין דִי אֱמוּנָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט, (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן ל״ב): דֶער בַּאשֶׁעפֶער הֵייסְט שׁוֹין יָא עֶסְן, אוּן זָאגְט ׳קִינְדֶערְלֶעךְ עֶסְט׳, אוּן דָאס אִיז שׁוֹין אוֹיךְ שְׁוֶוער מְקַיֵּים צוּ זַיין.

חֲזַ״ל זָאגְן (בֵּיצָה טז.): רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ וִויפִיל עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גַאנְץ יָאר, חוּץ דָאס וָואס עֶר גֶעט אוֹיס, פַאר שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב, אוּן שְׂכַר לִימוּד פַאר דִי קִינְדֶער. זָאג אִיךְ שְׁטֶענְדִיג, אוֹיבּ

אֵיינֶער פַארְדִינְט וֵויינִיג, וַוייל מֶען הָאט אִים אַזוֹי אָנְגֶעשְׁרִיבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דָאךְ זָאגְן אָבֶּער דִי חֲזַ״ל, בַּיי שַׁבָּת זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער (בֵּיצָה טו:): 'לָווּ עָלַי וַאֲנִי פּוֹרֵעַ'. בָּארְג אוֹיף מַיין חֶשְׁבּוֹן אוּן אִיךְ וֶועל בַּאצָאלְן. אִיז דָא אַ גוּטֶע עֵצָה, אַז עֶר זָאל קוֹיפְן אוֹיף שַׁבָּת, מִיט אַזַא מִין שֶׁפַע אוּן בְּרֵייטְקַייט, אַז עֶס וֶועט אִים בְּלַייבְּן אוֹיף אַ גַאנְצֶע וָואךְ, אוּן דָאס בַּאצָאלְט דֶער בַּאשֶׁעפֶער. [אַגַב. דֶערְפַאר דַארְף מֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן כְּדֵי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאל אוֹיף אוּנְז מְלַמֵד זְכוּת זַיין, מִיר זָאלְן הָאבְּן גֶענוּג פַּרְנָסָה אוּן אַלֶע גֶעבְּרוֹיכְן, אַ גַאנְץ יָאר.]

## ג.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת מֶקַח וּמֶמְכָּר ד י״ט): עֶרֶב שַׁבָּת אִיז אַ זְמַן פוּן תְּשׁוּבָה. אוּן מֶען דַארְף זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶפֶשׁ, עֶס אִיז יֶעצְט דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַ גַאנְצֶע וָואךְ. צוּ הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגוּם, אוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה

גֶעוֶוען? הָאבּ אִיךְ יֶעדְן טָאג גֶעלֶערְנְט אַ פֶּרֶק אָדֶער עֶטְלִיכֶע פְּרָקִים, מִשְׁנָיוֹת? אַ דַף גְמָרָא? און אַז מֶען זֶעהְט אַז נִישְׁט. נֶעמְט מֶען זִיךְ פָאר דָאס צו פַארֶעכְטְן, און פון יֶעצְט-אָן וֶועט מֶען לֶערְנֶען מֶער און מֶער. און אוֹיבּ יָא 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם' הָאט מֶען זִיךְ מִיט וָואס מְחַזֵק צו זַיין, און מֶען אִיבֶּערְצַייגְט זִיךְ אַז מֶען אִיז אוֹיף אַ גוּטְן פְּלַאץ, וָואס מֶען הָאט אִים נִישְׁט אָפְּגֶענַארְט, און עֶר אַלֵיין הָאט זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אָפְּגֶענַארְט.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסְן תַּלְמִיד, רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַצַ"ל. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ יָתוֹם אַלְץ קִינְד שׁוֹין, [פַארְצַייטְנְס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בִּיטֶער אוֹיף אַ יָתוֹם, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וֶוער עֶס זָאל זִיךְ אוּמְקוּקְן אוֹיף אִים,] און עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי זַיין פֶעטֶער, אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט אוֹיף דִי גַאסְן, בִּיז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צו שֶׁעפְּן וַואסֶער, און פַארְדִינְט גֶעלְט. אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דֶעם פֶעטֶער, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ רַייכֶער מֶענְטְשׁ, רֶבִּי נַחְמָן וָואס אִיז דֶעמָאלְטְס גֶעוֶוען אַ בָּחוּר, הָאט נָאךְ גָארְנִישְׁט

גֶעקֶענְט לֶערְנֶען, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען קַיין דִבְרֵי תּוֹרָה, אָבֶער עֶר הָאט גֶעהֶערְט וִוי רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה רֶעדְט, אִינְמִיטְן הֶערְט עֶר אֵיין וָוארְט, וָואס אִיז אִים אַרַיין אִין קָאפּ; 'גֶעלְט אִיז נִישְׁט, און מֶען קֶען דָאס נִישְׁט בַּאקוּמֶען, תּוֹרָה וּתְפִלָּה אִיז יָא, און מֶען קֶען דָאס בַּאקוּמֶען'! און עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אַז עֶר גֵייט שׁוֹין נָאכְגֵיין רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, און עֶר הָאט אִים שׁוֹין טַאקֶע נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט, און עֶר הָאט אִים בַּאדִינְט. [חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ז:): **'גָדוֹל שִׁימוּשָׁהּ שֶׁל תּוֹרָה יוֹתֵר מְלִמּוּדָהּ'.** 'מְשַׁמֵּשׁ זַיין אַ תַּלְמִיד חָכָם אִיז נָאךְ מֶער וִוי לֶערְנֶען פוּן אִים'. ווייל וֶוען מֶען גֵייט נָאךְ אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, לֶערְנְט מֶען זִיךְ אַסַאךְ פוּן אִים, און אֲפִילוּ פוּן זַיין פָּשׁוּטֶער פִירוּנְג קֶען מֶען זִיךְ אַסַאךְ לֶערְנֶען, און מֶען קוּקְט נָאכְדֶעם צוּרִיק, וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בַּיי יֶעדֶע זַאךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תקמ"ד) דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעהַאט אֱמוּנַת חֲכָמִים און זֶענֶען נָאכְגֶעגַאנְגֶען יֶעדֶע קְלֵיינִיגְקֵייט בַּיי זֵייעֶר רֶבִּי'ן זֶענֶען בַּיים סוֹף גֶעוָוארְן אַלֵיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַזוֹי וִוי

מֶען הָאט דָאס גֶעזֶעהְן אִין אוּנְזֶערֶע צַייטְן. אוּן דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי הֶערְש מְרִימְנוּב זי״ע וָואס עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטְרֵיי בַּאדִינְט, דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי מֶענְדְל מְרִימְנוּב זי״ע בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן נָאכְדֶעם אַלֵיין אַזוֹי גְרוֹיס וִוי אִים. אוּן דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע צַייטְן אִיז אוֹיךְ פָּארְגֶעקוּמֶען דָאס זֶעלְבֶּע, בַּיים גְרוֹיסְן צַדִיק אוּן בַּעַל מוֹפֵת הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי יְשַׁעְיָ׳לֶע קֶרֶעסְטִירֶער זי״ע וָואס עֶר הָאט בַּאדִינְט דֶעם הֵיילִיגְן לִיסְקֶער רָב בַּעַל אַךְ פְּרִי תְּבוּאָה זי״ע. וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ בַּאדִינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר גֵייט מִיט אִים, מִיט. לֶערְנְט עֶר זִיךְ אוֹיס וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיפְן מֶענְטְשׁ.] אוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אוּן ׳עַיִן יַעֲקֹב׳, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעאַרְבֶּעט אוּן פוּן נַחְמָן וַואסֶער טְרֶעגֶער, אִיז גֶעוָוארְן דֶער גְרוֹיסֶער רֶבִּי נַחְמָן פוּן טוּלְטְשִׁין וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ הֶעכֶערֶער סָארְט מֶענְטְשׁ. קוּמְט אוֹיס אַז בַּיי אַן אֱמֶת׳ן עֶרְלִיכֶער אִיד דֶערְלַייגְט מֶען נִישְׁט.

און אַז אַ מֶענְטְשׁ טוט תְּשׁוּבָה, און מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן עֶרֶב שַׁבָּת, אִיז עֶר נָאכְדֶעם זוֹכֶה צוּ אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שְׁמוֹת, בְּשַׁלַּח סג:): אַז אַלֶע בְּרָכוֹת וָואס קוּמְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ אִיז נָאר בִּזְכוּת שַׁבָּת, און אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילֶעךְ שַׁבָּת, און עֶר זִינְגְט זְמִירוֹת מִיט אַ שִׂמְחָה און עֶר זִיצְט מִיט דִי קִינְדֶער צוּזַאמֶען, און דֶערְצֵיילְט זֵיי אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק, סֵיי פְרַייטִיג צוּנַאכְט, סֵיי שַׁבָּת בַּייטָאג, דָאס אִיז דֶער עִיקָר חִינוּךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רמ"ח): אַז מֶען דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק צִיהְט דָאס דֶעם הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אָבֶער פַארְקֶערְט אַז מֶען רֶעדְט חַס וְשָׁלוֹם פָּאלִיטִיק, אוֹיף דֶעם רֶבִּי'ן, אָדֶער אוֹיף דֶעם רֶבִּי'ן, אִיז דָאס גוֹרֵם נָאכְדֶעם אַז דָאס קִינְד בַּאשְׁלִיסְט אַז בֵּיידֶע זֶענֶען נִישְׁט, בִּיז עֶר וֶוערְט אַ כּוֹפֵר בַּכֹּל, און עֶר לָאזְט אַלֶעס אָפּ רַחֲמָנָא לִצְלָן, וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן.

## ד.

רֶבּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז מַסְבִּיר (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הַשְׁכָּמַת הַבֹּקֶר הֲלָכָה א): דָאס עִנְיָן וָואס מֶען זֶעהְט בַּיי דִי מִצְוָה פוּן פָּרָה אֲדוּמָה אַז דָאס אִיז 'מְטַהֵר טְמֵאִים' אוּן 'מְטַמֵא טְהוֹרִים', אוּן דֶערְפַאר וֶוערְט דָאס אָנְגֶערוּפְן אַ חוֹק; אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן: ווִי טָמֵא עֶר זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, קֶען עֶר נָאךְ אוֹיךְ וֶוערְן אַ עֶרְלִיכֶער אִיד דוּרְכְן צַדִיק. ווִידֶערְאוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מְחַיֶה אוּן מְחַזֵק, אוּן אִיז שׁוֹין מְחַזֵק אַנְדֶערֶע אוֹיךְ, וֶועט עֶר מֵיינֶען אַז עֶר אִיז שׁוֹין עֶפֶּעס, דַארְף עֶר וִויסְן אַז עֶר אִיז נָאךְ גָארְנִישְׁט. קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז 'טָמֵא' אִיז דֶער צַדִיק אִים 'מְטַהֵר' מִיט דִי **נְקוּדוֹת טוֹבוֹת**, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפ"ב): אַז מֶען אִיז מְחוּיָב צוּ טְרֶעפְן אִין זִיךְ נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט אַ קוּנְץ זִיךְ אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן. אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ס"א): אַז אַזוֹי ווִי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְן אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דַארְף אַ מֶענְטְשׁ

הָאבְּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ אַז עֶר קֶען יָא. אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין זוֹכֶה אוּן וֵוייסְט אַז עֶר קֶען יָא וְכוּ׳ אוּן אִיז שׁוֹין טָהוֹר, דַארְף עֶר שׁוֹין וִויסְן אַז עֶר קֶען גֵיין נָאךְ הֶעכֶער, אוּן דָאס אִיז ׳מְטַהֵר טְמֵאִים׳, ׳מְטַמֵא טְהוֹרִים׳.

אִיךְ הָאב דָאס גֶעטַייטְשְׁט אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ: מֶען זֶעהְט אַז עֶס קוּמְט צוּ אַ צַדִיק אַ בָּחוּר וָואס אִיז פוּל מִיט עֲבֵירוֹת אוּן שְׁמוּץ, רַחֲמָנָא לִצְלָן. אוּן דֶער צַדִיק גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט אִים, אוּן מֶען בּוֹיעֶט אִים אוֹיף, בִּיז עֶר הָאט חֲתוּנָה, אוּן נָאכְדֶעם אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם קְרִיגְט עֶר זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, אוּן עֶר וִויל זִיךְ גֶטְ׳ן, לֵייגְט זִיךְ דֶער צַדִיק וַוייטֶער אַרַיין, אוּן זֶעהְט עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט גֶטְ׳ן, בִּיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶר הָאט שׁוֹין קִינְדֶער וְכוּ׳, אוּן דֶער צַדִיק הֶעלְפְּט אִים אַרוֹיס מִיט יֶעדְן פְּרַט, קוּמְט אוֹיס אַז דָאס אִיז ׳מְטַהֵר טְמֵאִים׳, וַוייל עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַ טָמֵא אַלְץ בָּחוּר וְכוּ׳, אָבֶּער נָאכְדֶעם וֶוערְט עֶר שׁוֹין גְרוֹיס בַּיי זִיךְ, בִּיז רַחֲמָנָא לִצְלָן עֶר אִיז ׳מְטַמֵא טְהוֹרִים׳ אוּן עֶר רֶעדְט שׁוֹין אוֹיף ׳כָּל דָבָר אָסוּר׳ אוֹיף דֶעם צַדִיק וָואס הָאט אִים מְטַהֵר גֶעוֶוען, אוּן זָאגְט אַז

דֶער צַדִיק אִיז גָאר טָמֵא, אוּן עֶר הָאט פַארְגֶעסְן וֶוער עֶר אִיז גֶעוֶוען. דָאס אִיז אַ חוֹק וָואס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, וֶועגְן דֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ מוֹרָא׳דִיג אַכְטוּנְג גֶעבְּן דֶערוֹיף, אוּן אַז מֶען הָאט אִים גֶעטוּהְן אַ טוֹבָה זָאל עֶר נִישְׁט צוּרִיק צָאלְן קַיין שְׁלֶעכְטְס. שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ זָאגְט: (מִשְׁלֵי יז י״ג): ׳**מֵשִׁיב רָעָה תַּחַת טוֹבָה לֹא יָמוּשׁ רָעָה מִתּוֹךְ בֵּיתוֹ**׳ אַ כְּפוּי טוֹבָה אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ טוּהן נָאר גוּטְס, אֵיי אַז מֶען טוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַ טוֹבָה, וֶועט מֶען נָאכְדֶעם צוּרִיק בַּאקוּמֶען שְׁלֶעכְטְס, דַארְף מֶען וִויסְן: אַז פוּן טוּהְן אַ טוֹבָה פַאר אַ אִיד דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט.

אִין בֶּעלְזֶער הוֹיף וֶוען מֶען הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיף אַ שִׁידוּךְ, אַז מֶען הָאט נָאר גֶעזָאגְט: ׳דֶער בָּחוּר אִיז אַ בַּעַל חֶסֶד׳ הָאט מֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט גֶעדַארְפְט מֶער! וַוייל אַז אַ בָּחוּר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ זַיין גוּט אוּן טוּהְן אַ טוֹבָה אַ צְוֵייטְן, דָאס אִיז שׁוֹין דֶער גְרֶעסְטֶער יִחוּס.

עֶס הָאט פַּאסִירְט בַּיי דֶעם בִּיַאלֶער רֶבִּי זי"ע, וֶוען מֶען הָאט גֶערֶעדְט פַאר זַיין זוּהְן אַ שִׁידוּךְ, אוּן זֵיי זֶענֶען דָאךְ גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע מְיוּחָסִים, פוּן יְהוּדִי הַקָּדוֹשׁ וְכוּ', אוּן דֶער מְחוּתָּן אִיז גֶעוֶוען אַ בַּעַל הַבַּיִת'ישֶׁער מֶענְטְשׁ, אוּן נִישְׁט קַיין יַחְסָן, אָבֶער עֶר הָאט גֶעטוּהן חֶסֶד מִיט מֶענְטְשְׁן, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן דֶעם בֶּעלְזֶער רָב זי"ע וָואס טוּהְט מֶען, מִיר זֶענֶען מְיוּחָסִים, אוּן דֶער איד אִיז טַאקֶע אַ וואוֹילֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן טוּט אַסַאךְ חֶסֶד, אָבֶער פוּן אַ פָּשׁוּטֶע מִשְׁפָּחָה, זָאגְט אִים דֶער בֶּעלְזֶער רָב זי"ע 'מִיט אַ צִיטֶער', אַז עֶר טוּהְט 'חֶסֶד' אִיז דָאס דֶער גְרֶעסְטֶער יִחוּס.

אוּן דֶער גְרֶעסְטֶער חֶסֶד אִיז, מְחַזֵק צוּ זַיין אַ אִיד! וֶוען עֶר אִיז צוּבְּרָאכְן אוּן פַארְלוֹירְן. וַוייל וִויפִיל מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן נֶעבֶּעךְ אַרוּם מִיט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, זִיךְ צוּ נֶעמֶען דֶעם לֶעבְן, פוּן רוֹב צָרוֹת, אוּן עֶר פִילְט אַז עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט מֶער, עֶס טְרֶעט אִים צוּ, צוּם הַארְץ - רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן בִּפְרַט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט קְרַאנְקֶע קִינְדֶער קֶען מֶען - רַחֲמָנָא לִצְלָן - אַרָאפּ גֵיין פוּן זִינֶען. דֶער 'חֲזוֹן אִישׁ' זי"ע הָאט גֶעזָאגְט: 'אַ

מֶענְטְשׁ וָואס הָאט – רַחֲמָנָא לִצְלָן – קְרַאנְקֶע קִינְדֶער, דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַאר אִים׳. אָדֶער אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט יִסוּרִים אִין שְׁטוּבּ, מֶעג עֶר זַיין אֲפִילוּ אַ שׁוּסְטֶער, אָדֶער אַ שְׁנַיידֶער, אַז עֶר הָאט אַזַא פֶּעקְל אִין שְׁטוּבּ און דָאךְ הָאט עֶר נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת צוּם בַּאשֶׁעפֶער, נָאר עֶר דַאנְקְט נָאךְ דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, און עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ מֶעג מֶען זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זוֹכֶה צוּ טוּהְן נָאר גוּטְס פַאר אִידְן, און מְחַזֵק זַיין אִידְן, וָואס דָאס אִיז אִין הִימְל זֵייעֶר חָשׁוּב. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ק״ו): **׳אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָל׳**. וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר גֶעט אַרַיין שֵׂכֶל פַאר אַ אָרִימַאן. וָואס דָאס מֵיינְט אֵיינֶער וָואס הָאט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל. וַוייל דִי גְמָרָא זָאגְט (נְדָרִים מא.): **׳דְדָא בֵּיה כּוּלָא בֵּיה׳**. וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל הָאט אַלֶעס, און וֶוער נִישְׁט, הָאט גָארְנִישְׁט. קוּמְט אוֹיס אַז אַ אָרֶעמַאן הֵייסְט אֵיינֶער וָואס אִיז צוּבְּרָאכְן און הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, און אַז מֶען אִיז אִים מְחַזֵק און מְעוֹדֵד,

איז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה, און דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה וָואס קֶען נָאר זַיין. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צו דֶעם און מֶען זָאל שׁוֹין זוֹכֶה צו הֶערְן דֶעם קוֹל שׁוֹפָר פוּן מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ.

**תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם**

# פרייליכע נייעס!

איר קענט באקומען דעם שטארק
אויפגעכאפטע וועכנטליכע

קרית ברסלב בלומל




יעדע וואך
ביי אייער
טיר

פאר בלויז
$3.99

צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין
אדער שיקט א טעקסט צו:

## 718·387·2691

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

תוכנ'דיג און ציענדיג

וואס איר וועט נישט טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט אייך אליין

282 • DESIGN | 845.406.4250